**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 3/28/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**נאכפאלגנדיג דאס פאראויס גיין פון היסטארישע קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט, טוט גאווערנער האקול אנטפלעקן דעטאלן פון פאזע צוויי שטודיע וואס דארף זיך אנהייבן אנהויב דאס יאר.**

***צוקונפטיגע פרואוון צו ווייטער פארבינדן געגנטער איבער קענזינגטאן עקספרעסוועי וועלן איבערגיין אפציעס פאר א פארגעשטעלטע סקאדזשאקאדא עקספרעסוועי אין באפעלא***

***סטעיט וועט ארייננעמען ארבעט פארענדיגט דורך די גרעיטער באפעלא-ניאגרא ראיאנאלע טראנספארטאציע קאנסול***

נאכפאלגנדיג די פעדעראלע באשטעטיגונג פאר די היסטארישע קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט צו פאראויסגיין, האט גאווערנער קעטי האקול היינט געמאלדן אז אן בעפארשטייענדע שטודיע פאר א פאזע צוויי אויף פאטענציאלע צוקונפטיגע פארשענערונגען איבער קענזינגטאן עקספרעסוועי קארידאר אין איסט באפעלא וועט אויך איבערגיין אפציעס פאר א פארגעשטעלטע סקאדזשאקוואדע עקספרעסוועי אין באפעלא. די סטעיט סעפארטמענט פון טראנספארטאציע (State Department of Transportation) וועט אנהויבן ארבעטן אויף די שטודיע שפעטער די יאר, אפשאצנדיג די טראפיק און ענווייראנמענטאלע ווירקונגען פון סיי וועלכע פאטענציאלע טוישן צוביידע שאסייען. די שטודיע וועט אויך ארייננעמען די אנאליז פון די ארבעט פאראויס געגאנגען דורך די גרעיטער באפעלא-ניאגרא ראיאנאלע טראנספארטאציע קאנסול פאר די סקאדזשאקוואדא עקספרעסוועי קארידאר, אויך באקאנט אלס סטעיט רוט 198. גאווערנער האקול האט ערשט [געמאלדן](#) די שטודיע אין פעברואר 2024 צו פארזיכערן אז די היסטארישע פארשריט וואס ווערט געמאכט צו ווידער פארבינדן געגנטער פון איסט באפעלא גייט פאראויס נאך די יעצטיגע מעגליכקייט פון די קענזינגטאן עקספרעווסוועי פראיעקט, וואס וועט אנהויבן בויען דעם הערבסט.

"פונם אנפאנג, איז די קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט געווען איבער פאריכטן די אומרעכטן פון די פארגאנגענהייט, און נאך צענדליגע יארן פון רעדן און צווייפלונגען, האבן מיר ענדליך געברענגט די רעזולטאטן וואס די געמיינדע פארדינט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "דורך אנהויבן א שטוידע פאר א צווייטע פאזע, זענען מיר פארפליכטעט צו אנדעקן נייע וועגן צו ווידער פארבינדן די געמיינדע איבער די קענזינגטאן און פאראויס רוקן א גרעסערע וויזיע וואס נעמט אריין די פארבינדענע סקאדזשאקוואדא עקספרעסוועי קארידאר, פארבעסערנדיג עס פאר אירע איינוואוינער, באזוכער און מאטאריסטן."

אין פעברואר האט גאווערנער האקול דירעקטירט די סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע צו אנהויבן א שטודיע אויף נאך פאטענציאלע פארבעסערונגען איבער די קענזינגטאן עקספרעסוועי קארידאר, ביז ארויף די סקאדזשאקוואדא עקספרעסוועי און דעלעווער פארק, ארייננגערעכנט א נייע וויזיע פאר א פארגעשטעלטע האמבאלדט פארקוועי (Humboldt Parkway). די שטודיע וועט אויך

אריינעמען אן אפשאצונג פון די קאנצעפטן פראדוצירט דורך די גרעיטער באפעלא-ניאגרא ראיאנאלע טראנספארטאציע קאנסול (GBNRTC) אין יאנואר פון 2023 פאר א נייע סקאדזשאקוואדא עקספרעסוועי.

די GBNRTC'ס באריכט, וואס איז געווארן געפאנדעט דורך די NYS דעפארטמענט פון טראנספארטאציע, איז געווען די רעזולטאט פון א צוזאמענארבעט פלאנירונג ארבעט וואס האט זיך אנגעהויבן אין 2019, אפשאצנדיג עטליכע מעגליכע פאסירונגען און אויסקלארן א באפארצוגטע אפציע וואס רופט פאר די ווידער אויפבוי פון די סקאדזשאקוואדא עקספרעסוועי צו א צוויי-ליניע, עט-גרעיד שאסיי וואס באזייטיגט אלע עקזיסטירנדע ראמפעס צו און פון די עקספרעסוועי, שאפנדיג א נייע פארקוועי וואס קומט ארויס פון ניאגרא סטריט צו איסט דעלאוואן עוועניו.

אלס טייל פון די שטודיע, וועט די סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע דורכפירן א דעטאלירטע טראפיק אנאליז און אידענטיפיצירן ווירקונגען אויף די ארומנעמנדע שאסיי נעטווארק און פאטענציאלע לינדערונג מאסנאמען. עקאנאמישע און ענווייראנמענטאלע ווירקונגען, אריינגערעכנט לופט קוואליטעט און גערודער, וועלן אויך ווערן שטודירט. די סטעיט DOT וועט ווייטער ארבעטן מיט געמיינדע מיטגלידער און אויסהערן זייערע זארגן צו פארזיכערן די בעסטע אויסגאנג פאר קארידאר באנוצער און די איינוואוינער וואס רופן עס זייער היים. די סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע וועט פירן די שטודיע, וואס איז ערווארטעט זיך אנצוהויבן שפעטער די יאר און ווערן פארענדיגט ביים סוף פון 2027, אין צוזאמענהאנג מיט GBNRTC.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע קאמישינאר מארי טערעסא דאמינגעז האט געזאגט,** "גאווערנער האקול'ס וויזיע איז באמת איבערשרייבן היסטאריע ביכער פון די לאנגע און קאמפליצירטע געשיכטע פון די קענזינגטאן עקספרעסוועי צום פארבעסערונג. די סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע טוט ארבעטן טאג און נאכט צו פארזיכערן אז מיר זענען גרייט פאר א שאוול אין די ערד די הערבסט אויף די קענזינגטאן עקספרעסוועי פרויקט, אבער אונזער ארבעט איז ווייט פון פארענדיגט. די נייע פלאנירונג שטודיע וועט אונז העלפן אויסקלארן א וועג פאראויס און עס איז וויכטיג אז די צוקונפט פון די סקאדזשאקוואדא עקספרעסוועי זאל ווערן אריינגענומען אין באטראכט."

**סטעיט סענעטאר שאן רייען האט געזאגט,** "די מענטשן פון באפעלא פארדינען די בעסטע פראיעקטן צו ווידער פארבינדן געמיינדעס און פאריכטן היסטארישע אומרעכטן. איך בין געמוטיגט דורך די אנערקענונג אז די יעצטיגע פלענער פאר די 33 זענען נאר די אנפאנג פון א פולשטענדיגע ארבעט, און אז מער ארבעט מוז ווערן געטוהן צו באזייטיגן די שאסייען וואס צוטיילן אונזער היסטארישע אלמסטעד פארקס און האלטן צוריק די צוקונפט פון די באפעלא געגנטער. אין צוגאב, מוזן מיר זעהן מער פארשריט אויף די 198 נאכפאלגנדיג די געוואלדיגע ארבעט געטוהן דורך די GBNRTC, וואס טוט צייכנט אן אמת'ע פריליכע ווערסיע פאר די סקאדזשאקוואדא קארידאר. באפעלא האט געווארט יארן צו פאריכטן די פראבלעמען פאראורזאכט דורך די 198 און די 33, און מיר דארפן זיך רוקן ווי שנעל נאר מעגליך צו אנהויבן פראיעקטן וואס וועלן אנערקענען די צילן וואס די מעטשן פון באפעלא האבן פארגעלייגט. איך דאנק גאווערנאר האקול פאר איר היינטיגע וויכטיגע מעלדונג."

**אסעמבלי מאיאריטעט פירער קריסטעל פיפלס-סטאוקס האט געזאגט,** "איך אפלאדיר גאווערנער האקול און DOT קאמישינאר דאמיגעז פאר זייער שטיצע צו זעהן אונזער געמיינזאמע וויזע רעאליזירט - צו ווייטער טראגן די ציל פון ROCC פון ווידער פארבינדן געמיינדעס און פארקס. מיר קוקן ארויס צו ארבעטן מיט GBNRTC צו ווידער פארבינדן האמבלאדט פארקוועי, MLK און דעלעווער פארקס."

**סיטי פון באפעלא מעיאר בייראן וו. בראון האט געזאגט,** "פערזיכערן א גרינערע קוואליטעט פון לעבן פאר איינוואוינער אין די שטאט פון באפעלא איז וויכטיג און איז א פריאריטעט פאר מיין אדמיניסטראציע.

איך דאנק גאווערנער קעטי האקול פאר איר אנגייענדע שטיצע פון איסט באפעלא און געגנטער דורכאויס אונזער גענואלדיגע שטאט."

**עקזעקיוטיוו דירעקטאר פון די גרעיטער באפעלא ניאגרא ראיאנאלע טראנספארטאציע קאנסול מייקל פין האט געזאגט,** "GBNRTC דאנקט גאווערנער האקול פאר איר אנגייענדע פארפליכטונג צו ווידער פארבינדן געמיינדעס נעגאטיוו באווירקט דורך טראנספארטאציע דעוועלאפמענט אין די מזרח ניו יארק ראיאן. פאראויס רוקן GBNRTC'ס ראיאן צענטראל פלאנירונג פרואוו פאר די סקאדזשאקוואדא קארידאר צו די נעקסטע פאזעס אין קאנצערט מיט ווייטערדיגע פלאנירונג פון די קענזינגטאן קארידאר וועט פארשטערקערן די בענעפיטן פון ביידע פראיעקטן פאר די גאנצע געמיינדע. מיר זענען גליקליך איבער די נעקסטע שטאפלען פון פלאנירונג, וואס וועט לייגן די גרונדשטיין פאר די געמיינדע-געפירטע פאראויס רוקונגען וואס וועט אנהאלטן פאר פליע יארן."

די שטודיע וועט אנהויבן בשעת ארבעט גייט פאראויס אויף די טראנספארמאטיווע קענזינגטאן עקספרעסוועי פראיעקט. אין פעברואר 2024, האט גאווערנער האקול געמאלדן אז די פעדעראלע הייוועי אדמיניסטראציע (Federal Highway Administration) האט ארויסגעגעבן א "Finding of No Significant IMpact", וואס סיגנאלט די ענדע פון די פארמאלע ענווייראנמענטאלע אפשאצונג ארבעט און קלארט אויס די וועג פאר די סטעיט DOT צו פאראויס רוקן די לעצטע דעזיין שטאפלען און אנהויבן די בוי ארבעט אויף הערבסט פון 2024.

אלס טייל פון די פרואוון, זענען פלענער אין פלאץ פאר די סטעיט דעפארטמענט פון טראנספארטאציע צו פירן א קאנטראקט די זומער פאר ארבעט אויף בעסט סטריט, וואס וועט ערמעגליכן די פראיעקט זיך צו אנהויבן אין הערבסט. צוזאמענארבעט וועט זיך אויך אנהויבן אין די קומענדיגע וואכן מיט די סיטי פון באפעלא און געצייג פרימעס צו פארזיכערן אז יוטיליטי אפמאכן זענען אין פלאץ פאר די בוי ארבעט הויבט זיך אפיציעל אן.

די קענזינגטאן עקספרעסוועי, געבויט אין די 1950'ער און די 1960'ער יארן, האט ערזעצט דאס וואס איז בעפאר דעם געווען א לאנגע גאס מיט בוימער לענגאויס די ראוד – די היסטארישע האַמבאָלדט פארקוועי וואס איז דעזיינט געווארן דורך פרעדעריק לאו אָלמסטעד – מיט א טיפע הייוועי וואס האט אריבערגעשניטן אריבער די הארץ פון די ארומיגע געגנטער אין איסט באפעלאו. כדי צו פאררעכטן די היסטארישע אומגערעכטיגקייט און די לאנגיאריגע ווירקונג דערפון, האט גאווערנער האקול צוגעטיילט ביז 1 ביליאן דאלאר פאר דעם פראיעקט וואס רעכנט אריין ברענגען נייע גרינע שטח כדי צו צוריק פארבינדן די קאמיוניטי.

מערקווירדיגע פארגעשלאגענע עלעמענטן פון דעם פראיעקט רעכענען אריין:

- ערזעצן די עקספרעסוועי וואס איז טיפער פון די ערד ארום מיט א 4,150-פיס-לאנגע טונעל מיט זעקס ליניעס צווישן Dodge Street און Sidney Street
- שאפן א 90-פיס-ברייטע שטרייף אין מיטן פון די שאסיי, אויסגעלייגט מיט בוימער, העכער די טונעל, ברענגענדיג אומגעפער 11 אקער פון נייע עפנטליך-צוגענגליכע גרינע שטח
- איבערבויען די האַמבאָלדט פארקוועי, אריינגעמנדיג שאסיי דעזיין סטאנדארטן פון די אזוי גערופענע "גאנצע געסער" (Complete Street) שיטה
- איבערמאכן 9 מייל פון לאקאלע געסער, אריינרעכענענדיג איבערגיסן די פעך און ערזעצן די טראטוארן, 'קוירבס', די טראטוארן אין פארנט פון דרייוועיס, סיגנאלן און נייע איינגעפלאנצטע בוימער, ווי נויטיג
- ערזעצונג פון Best Street בריק און מאכן א 'ראַונד-אבאַוט' ביי די Best Street אינטערטשעינדזש

די לעצטע אינפארמאציע איבער דעם פראיעקט, אריינרעכענענדיג ענטפערס אויף אפט-געפרעגטע פראגן, איז פארעפנטליכט אויף דעם פראיעקט וועבזייטל.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן